פרשת חקת-בלק, י"ב תמוז תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ל"ח

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......... 8:18
מוצאי שבת.......... 9:49

# מעשה פון תפלה א

## אלע משפחות אין שטעטל

א) אסאך אסאך תפלות האבן אלע משפחות דא אין שטעטל געבעטן דעם אייבערשטן פאר די לעצטע יאר צייט אז מען זאל קענען האבן א גרויסע באקוועמע בנין פאר'ן באניץ פון די חדר און סקול, שכח אייבערשטער אז דו האסט אויסגעהערט אונזערע תפלות און אונז צוגעשיקט אזא גוטע בילדינג, ובפרט די תפלות פון די קינדער וואס האבן געבעטן פאר דעם יעדן טאג אין חדר און אזוי אויך אין סקול.

ב) מיר האבן אסאך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א נייע גרויסע בית המדרש, די אלטע בית המדרש איז שוין גלייך פון אנהייב קליין געווען, ובפרט ווען דער ראש ישיבה פלעגט באזוכן דעם שטעטל אויף א שבת האט מען זיך ממש נישט געקענט רירן, שכח אייבערשטער אז מען האט זוכה געווען דו וואך צו באנייען דעם נייעם גרויס'ן בית המדרש.

## ראש ישיבה שליט"א

איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן עס זאל זיין שידוכים פאר די בחורים אין ישיבה און אזוי אויך פאר די מיידלעך פון אונזער סקול, שכח אייבערשטער אז אין איין וואך אליין איז געווען דריי שידוכים, און מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף קומט נאך שידוכים גאר בקרוב.

## אברהם הערש וועבערמאן

עס איז איינגעפירט ביי אלע סקול'ס אז צווישן סקול און דעי קעמפ זענען די קינדער אינדערהיים פאר א וואך צייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז דא אין שטעטל זאל נישט זיין קיין הפסקה אינצווישן פאר מער ווי איין טאג אדער צוויי, ווייל איך בין ברוך השם געבענטש געווארן מיט מיידלעך כע"ה, שכח אייבערשטער עס איז למעשה נאר געווען א ברעיק פאר איין טאג.

# ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוהן מיר אויפנעמען אלע חשובע געסט וואס זענען געקומען ווילן ביי אונז אין שטעטל אויף די זומער חדשים.

**ובראשם דער ראש ישיבה שליט"א**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א געשמאקע זומער בגשמיות וברוחניות, מען זאל קענען אריינכאפן אסאך תורה ותפלה במשך די זומער טעג.

# נייעס אין שטעטל

## שבת פרשת קרח מיט דעם ראש ישיבה שליט"א

גאר א דערהויבענע שבת איז אדורך צוזאמען מיט דעם ראש ישיבה שליט"א.

קבלת שבת איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעגאנגען צו עמוד אזוי אויך שבת אינדערפרי האט מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה האט געדאווענט שחרית פאר'ן עמוד. שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט גאר א שיינע שיעור אין פעולת הצדיק (סימן תריד) ווי דער הייליגער רבי האט פארציילט די מעשה פונעם בעל בטחון ווי דער איד איז אלץ געווען פרייליך אפילו ווען דער קעניג האט אים אויספרובירט.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען די קידוש ווי דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט פון דעם אז מען קען אלעס פויעל'ן ביי א צווייטן, מען דארף נאר האבן צו דעם אסאך געדולד ווייל עס קען צומאל נעמען א לענגערע צייט, אבער צום סוף פויעל'ט מען. מען זעהט עס איז דא מענטשן וואס לעשן אויס די לעקטער אינדערהיים יעדן ערב שבת, נישט ווייל דאס שפארט לעקטער, נאר ווייל דאס האט ער געזעהן ביי זיין טאט'ן מאכט ער דאס נאך, קינדער מאכן נאך וואס זיי זעהן ביי עלטערן.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון דעם וואס דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן ו') דער יצר הרע לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט און אלע לויפן אים נאך ווייל זיי מיינען אז ער האט עפעס א סוד אבער צום סוף עפנט ער זיין הענט און מען זעהט אז עס איז געווען ליידיגע הענט. דערפאר דארף מען זעהן זיך צו נישט לאזן אפנארן, נאר זעהן אריינכאפן יעדן טאג לערנען און דאווענען.

### נייער בנין פאר די מוסדות

גאר פרייליכע נייעס איז אריינגעקומען ערב שבת פרשת קרח אז מען האט אפגעקויפט בשעה טוב ומצלחת א נייער בנין מפואר פאר די חדר און די סקול. איין גאנצע יאר האט מען געלערנט אין בעיסמענטס פון גוטהארציגע אינגעלייט ביי משפחת שטראסער און משפחת היילפרין וואס האבן עס אוועק געגעבן מיט'ן גאנצ'ן הארץ פאר די חדר און סקול, דער אייבערשטער וועט זיי זיכער באצאלן פאר דעם, און ווי דער הייליגער רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט "ביי ועם איך נעם געב איך". יעצט ברוך השם האלט מען שוין דא אז מען לערנט שוין אין דעם נייעם בנין המפואר נישט ווייט פון דעם שטעטל.

### נייע בית המדרש אין שטעטל

גאר גוטע נייעס איז פארגעקומען דו וואך אין שטעטל מיט'ן באנייאונג פון דעם נייעם בית המדרש, וואס ווי אלע ווייסן איז שוין דער אלטער בית המדרש געווען גאר גאר קליין, און יעצט ברוך השם האט מען שוין באנייט דעם נייעם בית המדרש וואס וועט זיין אי"ה א פלאץ פאר אסאך תורה און אסאך תפלה. דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנק'ן פאר אונזער חשובער מנהל הר"ר אברהם משה שטראסער הי"ו פאר'ן אוועק געבן זיין דירה איין גאנצע יאר פאר'ן געברויך פונעם בית המדרש, וואס אפילו עס איז נישט אייביג גרינג געווען, האט ער עס אבער געטוהן מיט'ן גאנצ'ן הארץ אן איינמאל זיך אפרעדן, זאל אים דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוטס.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חקת, ו' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב דיר שוין געשריבן אין א בריוו אז קינדער דארף מען מחנך זיין צו פאלגן; עלטערן דארפן זיין זייער שטארק אז **'א ווארט איז א ווארט'**. אודאי וועלן זיי אויספרובירן די עלטערן וכו', אבער אז זיי וועלן זען אז די עלטערן זענען שטארק מיט זייערס א ווארט וועלן זיי ווערן מחונך און אויסוואקסן געזונטע קינדער.

אז די עלטערן אליינס זענען מסופק, אדער אויב עס זענען דא חילוקי דעות צווישן מאן און ווייב דעמאלט איז זייער שווער צו מחנך זיין די קינדער געזונטערהייט. אבער ווען די קינדער זעען ווי די עלטערן זענען שטארק מיט זייער מיינונג וועלן זיי פאלגן און זיך אויפפירן מיט גרויס דרך ארץ.

מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר, מען קען וויסן אלע עצות, מען קען וויסן אלע חכמות אין חינוך אבער **אן תפילה האט מען גארנישט.** מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו קינדער יראי ה'; עלטערן וואס ווילן ערליכע קינדער דארפן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם טאג נאך טאג, אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו ערליכע קינדער.

דו קענסט נוצן דיין מעשר געלט פאר אלע הוצאות צו פארן צום הייליגן רבינ'ס ציון.

...

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בלק, י"ג תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד אלע משפחות פון "מחנה היכל הקודש ברסלב מאנטיסעלאו" שיחיו.**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר געפונען זיך אין אזא הייליגע פלאץ "מחנה היכל הקודש ברסלב" מאנטיסעלאו ניו יארק; **א פלאץ וואס איז געבויט אויף אמונה.** מיר זענען געקומען אין קעמפ פאר איין ציל - זיך מחזק זיין מיט אמונה און זיך שטארקן מיטן הייליגן רבינ'ס עצות אויף די וועג ווי אזוי מוהרא"ש האט אונז דאס געלערנט.

דער רבי האט אונז געגעבן א מתנה "התבודדות"; מיר זאלן זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף אונזער שפראך כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ - אזוי ווי מען שמועסט זיך אויס מיט א חבר. ווען מען געוואוינט זיך צו צו שמועסן מיטן אייבערשטן איז דער גאנצער לעבן אן אנדערע סארט לעבן; מען לעבט אן קיין פחד און אן קיין מורא, מען ווערט נישט גערעגט ווען עס גייט נישט אזוי ווי מען וויל און מען איז רואיג און צופרידן.

איך דאנק אייך אלע טייערע משפחות פארן זיך אויפפירן אזוי שיין און איידל, פארן אנטון די קינדער איידל און צניעות'דיג און בעיקר פארן לעבן פאר זיך. **יעדער איינער לעבט פאר זיך,** מען טוט זיך נישט אן טייער און מעכטיג; מען לעבט נישט פאר א צווייטן, יעדער לעבט פאר זיך אליינס. עס איז נישט דא קיין קאמפעטישן ווער עס קען אנטון די קינדער מער אויפרייסעריש, נאר מען לעבט פארן אייבערשטן און מען איז פרייליך און צופרידן.

עס איז נישט דא קיין ארויפקוקן אדער אראפקוקן א צווייטן, אלע שמועסן צוזאמען, אלע זיצן אינאיינעם, מען איז זיך מחזק אינאיינעם, מען געבט זיך גוטע ווערטער איינער דעם אנדערן און מען העלפט איינער דעם אנדערן; דאס איז מיין גאנצע נחת און דאס געבט מיר כח ווייטער אנצוגיין מיט די קהילה.

**דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע האבן א געזונטן זוממער און מיר זאלן זיין שטענדיג פרייליך.**

...

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת פנחס, כ"ב תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער: "לאז דיר אפ פון ..."; דו האסט א טייערע ווייב וואס וויל רעדן מיט דיר און פארברענגען מיט דיר. ער האט נישט קיין ווייב דערפאר זוכט ער ווי ער קען ארויס שלעפן אינגעלייט פון זייער שטוב פארברענגען די נעכט; ער איז א וואוילער אינגערמאן אבער דו קענסט נישט אוועק לייגן דיין שטוב וועגן אים.

**דיין ווייב וויל מיט דיר פארברענגען**, זי ווארט אויף דיר. וויפיל קען זי זיך בעטן ביי דיר: "קום אהיים"?! זי וויל נישט זיין דיין משגיח און 'פאליס לעדי', זי וויל דיר נישט נערוועז מאכן מיטן דיך מוטשען: "וואו ביסטו?" "ווען קומסטו?" אבער זי איז פול מיט ווייטאג. זי וויל מיט דיר פארברענגען; זי האט דיך ליב און זי קוקט דיר ארויף.

דו דארפסט נישט זוכן מיט וועם צו פארברענגען ביינאכט; די אלע וואס דרייען זיך ביינאכט אויפן גאס זענען בדרך כלל מענטשן וואס האבן נישט קיין שטוב. אדער זענען זיי גע'גט לא עלינו, אדער האלטן זיי פאר א גט וכו'.

איך האף אז דו וועסט אנהייבן אהיים קומען ביינאכט און זיין מיט דיין ווייב און קינדער, וועט דיר גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

זיי ממשיך מיט דיינע שיעורים; איך האב הנאה יעדעס מאל ווען דו דערציילסט מיר א סיום משניות אדער א סיום מסכתא.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.**


**צו באשטעלן מענער אדער קינדער שיך**

**רופט יואל וועבערמאן נ"י**

**845-662-8423**

**טראנספארטעישן פאר די קינדער**

**רופט שלמה שטראה נ"י**

**646-642-1457**

**מיר נעמען אן צו בעביסיטן**

**רופט משפחת שלמה יאקאבאוויטש**

**347-263-4512**